דאָס פּנים אָבער פֿון דעם האַר איז קעגן די,
וואָס טון בייז. (תהלים לד, יג־יז.)
13 און ווער וועט אייך טון שלעכטס, ווען איר וועט
14 אייפֿערן פֿאַר דעם גוטן? נאָר אויב אפֿילו
איר זאָלט ליידן צוליב גערעכטיקייט, איז וואויל
אייך; און פֿאַר זייער מורא זאָלט איר זיך נישט
15 פֿאַרכטן, נישט זאָלט איר זיך דערשרעקן; דעם
האַר אָבער דעם משיח זאָלט איר הייליקן אין אייערע
הערצער; זייט תּמיד גרייט אויף אַן ענטפֿער צו
יעדן איינעם, וועלכער פֿרעגט אייך וועגן דער
סבה פֿון דער האָפֿענונג אין אייך, נאָר מיט ענווות־
16 דיקייט און מיט יראה; האָט אַ גוטן געוויסן, כּדי
אין וואָס מען רעדט אָפּ פֿון אייך, זאָלן צושאַנד
ווערן די, וואָס באַליידיקן אייער גוטן וואַנדל אינם
17 משיח. וואָרום עס איז בעסער, אויב דאָס איז ג־טס
רצון, צו ליידן פֿאַר טון גוטס, ווי פֿאַר טון שלעכטס.
18 ווייל אפֿילו משיח איז איינמאָל געשטאָרבן פֿאַר
אונדזערע זינד, דער צדיק פֿאַר די רשעים, כּדי ער
זאָל אונדז ברענגען צו ג־ט; און איז געטייט
געוואָרן לויט דעם פֿלייש, אָבער לעבעדיק געמאַכט
19 געוואָרן אין דעם גייסט; אין וועלכן ער איז אויך
געגאַנגען און אויסגערופֿן צו די רוחות אין געפֿענ־
20 קעניש, וואָס זענען אַמאָל געווען ווידערשפּעניק,
ווען ג־טס סבלנות האָט געוואַרט אין די טעג פֿון
נוחן, בעת עס איז צוגעגרייט געוואָרן די תּיבה, אין
וועלכער ווייניקע, דאָס הייסט אַכט נפֿשות, זענען
21 געראַטעוועט געוואָרן דורך דעם וואַסער; דאָס איז
אויך אַ קעגנבילד פֿון דער טבֿילה, וואָס דערלייזט
אייך איצט, נישט דאָס אָפּטון אומריינקייט פֿונם
לייב, נאָר דער פֿאַרלאַנג אויף אַ גוטן געוויסן לגבי
ג־ט, דורך דעם אויפֿשטיין (פֿון די טויטע) פֿון